STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06394

FLYENDIKE OYSYES

Yisrael Berkovitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל בערקאָוויטש

פליענדיקע אותיות

הילע: אל. פּאָר

ישראל בערקאָוויטש

פליענדיקע אותיות

פאַרלאַג „קריטעריאָן"
בוקאַרעשט, 1984

פליענדיקע אותיות

מאָטאָ:
נישט משה האָט צעבראָכן די לוחות.
פאַראַן אַ מדרשל אויף דעם,
די דאַרפסט עס, זוך עס!

אויף העכסטע הייכן וואָס אַ מענטש קאָן גרייכן
איז משה געשטאַנען.
די שטיינערנע לוחות די צוויי
ער טראָגט אויף די הענט.
די עשרת הדיברות פון רויט בליִיכן פייער
אין שטיין אויסגעהאַקטע,
נעבן זיין האַרץ,
לויכטנדיק האָבן געברענט.

די לוחות די צוויי פון אוראַלטן שטיין
אַ משא אַ שווערע און דאָך אַזוי גרינג.
יעדעם אות אינעם שטיין ווערט באַטראַכט פון דעם נביא מיט ערע
יעדעם אות איז אַ שיתוף צו מענטשלעכער לערע.
און ער — דער פרינץ פון נביאים —
מיט שטאָלץ טראָגט די לערעם אין שטיין אויסגעהאַקטע
ער זעט שוין די וועלט אין איר נייעם כאַראַקטער
עס דאַרפן די לוחות דאָך זיין אַ מין נייער בראשית
עס קלאַפט אים זיין האַרץ וואָס נאָר בלוט און פלייש איז:
ווי וועט די וועלט אויסזען? וואָס וועלן זאָגן די מענטשן?
זיי וועלן אים שעלטן? זיי וועלן אים בענטשן?

שווער די געבאָטן, נאָך שווערער דער שטיין איז,
נאָר פייער פון גייסט עס ברענט אין די ווערטער
און דאָס — צו פאַרשטיין איז —

מאכט אז וואָס שווער איז זאָל ווערן גאָר גרינג
און משה באוועגט זיך זייער יינג און זייער פלינק.
ער הייבט אויף די לוחות
צום פאָלק וויל זיך ווענדן
נאָר פלוצעם דערזעט ער א בילד — נישט צום גלויבן!
דאָס פאָלק איז אין יובל, עס טאנצט גאָר דערהויבן,
נאָר נישט פאר די לוחות
נאָר פאר גאָלדענעם קאלב!

אנטוישט איז דער האר — זיין בליק ווערט פון צאָרן א פלאם:
די פלאם-פייער אותיות מיט מענטשלעכע לערעם
עס האָבן די מענטשן פארשעמט און פארשעמט אויך דערמיט
דעם מענטשלעכן שטאם.
פארביטן די גייסטיקע ווערטער און לערעם פון פייער
אויף גאָלדענעם קאלב וואָס פארוואנדלט דעם מענטשן אין א חיה ער.

די אותיות ברענענדיק קוקן צום קאלב,
זייערע פלאמען ווערן פליגל,
יעדעם אות ווערט א ברענענדיקע שוואלב.
פארשעמטע ברענענדיקע אותיות פון די לוחות פליען
און לאָזן לער אין לערערם הענט
די שווערע שטיינער וואָס צו דער ערד אים ציען.
דערפילט האָט משה ווי די הוילע שטיינער ווערן שווער
יעדעם פליענדיקע אות אין הארץ זיינעם
מיט טויזנט פלאמען האָט געשטאָכן.
אָן פייער איז דער שטיין א שטיין נישט מער
און ווערט ווי אלע שטיינער שווער...
משה טראכט עס איז פאר אים און פארן פאָלק
דער גרעסטער בראָך פון אלע בראָכן.
ער פילט ווי ס'פאלן אים די לוחות פון די הענט ארויס
און ער זעט ווי זיי ווערן צעבראָכן.

אלף׳ן, בית׳ן, גימלען,
עס פליען די אותיות
שפּאלטן די ערד
לעכערן הימלען.
איינציקווייז זיי פליען
און צו מאָל מערערע אין איינעם
וואָס מיט זיי עס איז געשען
רירט אָבער נישט קיינעם.
פון דעמאָלט, אין רוימען,
שוועבט דאָס ליד פון אותיות פּורחות
איך נויג מיין קאָפּ און האָרך עס.

אלף — אן אָנהויב פון אמת

אלף — אן אות מיט וועלכן ס'הייבט אָן יעדער איך.
אלף — אן אות מיט וועלכן ס'הייבט אָן דאָס וואָרט
אָב — טאַטע, דאָס וואָרט אם — מאַמע, דאָס וואָרט אָח — ברודער.
און ווען מען דאַרף מען נאָך זאָגן
אז די ווערטער אין זיך טראָגן
אסך מערער זינען ווי א וואָרט קאָן זאָגן?

אלף — אן אות מיט וועלכן ס'הייבט אָן דאָס וואָרט
ארבעט — וואָס מיינט דעם יסוד פון
אַלץ וואָס לעבט, באַלעבט און שאַפט פאַר דעם לעבן — ארבעט.
אלף — אן אות וואָס פירט צו אַלע וועגן פון אַלע פיר עקן וועלט.

אלף — אן אות וואָס וואַכט ביי דעם אָנהויב פון אמת.
א וואָגלענדיק וואָרט וואָס זוכט נאָך זיין תּיקון
א וואָרט וואָס נישט נאָר א וואָרט איז צום זאָגן, צום זען,
מען זאָל אויף דעם קוקן,
א וואָרט — אן אינהאַלט פון לעבן און אויך זיין יסוד —
א וואָרט וואָס באַשטייט און לאָזט זיך נישט דערשטיקן.

אמת — א וואָרט — א באַגריף — א היטער פון נעכטן
א מאָנער פון היינט — א וואָרענער פאַר מאָרגן —
א וואָרט וואָס האָט אין זיך כּוחות אומענדלעכע פאַרבאָרגן.
אמת — א וואָרט וואָס אריין איז אין אַלטע לעגענדעס
אז מ'האָט עס צעבראָכן, געוואָרפן צו דער ערד און געשענדט עס
און ס'וואַרפט זיך פון דעמאָלט יעדעס שטיקל באַזונדער און בעט זי ן
איר, מענטשן, הערט נישט אויף זוכן און קלייבן דעם
אמת וואָס מ'האָט אים צעבראָכן אויף שטיקלעך
און זוכט אים אין דערפער, אין שטעטלעך,
אין שמאָלע פאַרוואָרפענע ליקלעך,

און זוכט אים אין גרוים-שטאָט, אויף גרויסע גאַסןברייטע
און לאָזט זיך ניט שרעקן און קלויבט יעדעם ברעקל
און טוט עס אין הערצער פאַרפלאַנצן
אויב איר ווילט דעם אמת אויפלעבן א גאַנצן
און טראַכט נישט קיין רגע אַז איר זענט אַליין
און טראַכט נישט קיין רגע אַז די צאָל אייערע איז קליין
עס האָט שוין דאָס וואָרט ביים געבוירן
אין זיך די צאָל פון מיליאָנען פאַרהוילן.
אויב כּפל'ן מען טוט נאָר פון אמת די אותיות, יעדעס באַזונדער,
אויף א צווייטער קראַפט — מיט זיך אַליין — קאָן יעדעס
אות — צו דער צאָל פון פינף הונדערט זעקס און זיבעציק מיליאָנען דערגיין.

אלף — אַן איינס, אלף — אַן איינס און אויך הונדערטער מיליאָנען,
אלף — אַן אָנהויב פון וואָרט וואָס אין קלעם איז —
אַן אָנהויב פון איך — אַן אָנהויב פון אמת.

ברויט און ברכה

בית — אן אות — א בן־בית אין יעדער שטוב
בית — אן אות וואָס פארבעט דיך צו זיך אין שטוב אריין
בית — אן אות וואָס פארשעלט זיך די יאָרן
ווען מען מאכט עס פאר א שיתוף צו בייז.
בית — אן אות וואָס וויל פארבונדן זיין מיט
בויען — בלומען — בליען — ברויט.
בית — אן אות וואָס פרייט זיך ווען ס׳איז א שיתוף צו ברכה.
בית — א מכנים אורח פארן בעקערס — געקאלעכטע פיר ווענט
בית — א שטוב וואָס הערט אין פלאם דאָס ליד פון ברויט וואָס ברענט
ווען דער בעקער האָט דאָס טעג געקנאָטן
האָט געפייפט עס ווי אויף נאָטן
אים א דאנק דאָס ברויט געראָטן
ער אין פלאם און מיר אין שאָטן.
בית — אן אות — א הויז פאר בויען — בלומען — בליען —
ברויט און ברכה.

גוט און גערעכטיקייט

גימל — אן אות — א גילגול פון א קעמל.
גימל — אן אות וואָס גייט מיט מענטשן שפּאַצירן
גייט מיט זיי צו דער אַרבעט
גייט מיט זיי אויף שמחות
גייט אין פעלד ווען מען פאַרזייט און מען שניידט דעם גערשטן
גייט מיט דעם יידן אין גלות, אין זיין גורל, אין זיין גאַרן, אין זיין
גוט מאָרגן, אין זיין גוט יום-טוב, אין זיין שרייען
גוואַלד קעגן א נייער גזירה.

גימל — אן אות אין גליק, אין גראָז, אין גרוב.
גימל — אן אות וואָס באשאַפן איז נישט פאַר
גזילה — גזירה — גניבה — נאָר פאַר
גוט און גערעכטיקייט.

אין א דענקמאָל פאר דער אָפענער טיר

דלת — אַן אָפענע טיר וואָס דאַרף זיך היטן פארן
דלות ווי מען היט זיך פארן דבר אחר
דלת — אַן אות וואָס פליט אוועק פון דאָמינירן און דעמאַגאָגיע און וויל
דווקא זיין דאָרט וו מענטשן פרוון זיך
דערגרונטעווען צום סאַמע סוד פון וועלט און מענטש און ווילן
דעם סוד אנטפלעקטן ארויפציען אלס פאָן אויף יעדן
דאך און מענטשן זאָלן ליבן אים און בענטשן.

דלת — אַן אות וואָס עפנט א טיר צום וועג־צום דירעקטן
דלת — אַן אות וואָס פאראַן איז אין אלע דיאַלעקטן
דלת — אַן אות וואָס וויל זיין מיט די וואָס פארדאַמען
די דם־פארגיסער וואָס טראַכטן אוים פאר זייער ציל אַן אייגענעם תירוץ
דלת — אַן אות וואָס איז שטאָלץ אין אָנהויב פון וואָרט דרך־ארץ
דלת — אַן אות וואָס וויל זיין אין צווייען מיט דעם דערבארעמדיקן
מיט דעם אביון וואָס שטייט א פארשעמטער פאר א פארמאַכטער טיר
דלת — אַן אות וואָס וויל שטיין אין א
דענקמאָל פאר דער אָפענער טיר.

הלל אויך

הא — אַן אות — וואָס רופֿט צו העכסטע הייכן און
הייסט זוכן דערהויבנקייט אין מענטשן.
הא — אַן אות — וואָס מאַכט היימיש דאָס וואָרט היים.
הא — אַן אות — אַ פֿענצטער צו דער זון.
הא — אַן אות וואָס ווייסט צו האַלטן אין געהיים — אהבה און קלינגט ווי אַ
האַרף ווען דער מענטש אין זיין האַרץ זי באַדאַרף.

הא — אַן אות וואָס האָגלט קעגן הפקר און וויל ליבער זיין אין
העלפֿן איידער אין העצן און אין התלהבות פֿאַר דעם וואָס שטרעקט די
האַנט צו העלפֿן אַ צווייטן אין אַ נויט און
הייליק איז זיין ווונטש צו זיין די
הייוון פֿאַר אַלץ וואָס וואַקסט און ציט זיך צו דער זון הויך
האָפֿנדיק אַז ליבע וועט די וועלט פֿאַרפֿלייצן און דעמאָלט זינגען
הלל אויך.

אין וועלט און אין שלום

ואו — וועקט און וויל וויסן פארוואָס
וואקסט די שרעק אויף דער וועלט.
ואו — וואכט און וויל וויסן פארוואָס
וויל א וואָלקן פארטונקלען די וועגן פון מענטשן צו ליכט.
ואו — איז וואך ביים צוקאָפּנס פון
וואָרט און שטאָלצירט מיט זיין אָרט אין דעם וואָרט
ווידערשטאנד קעגן אלע די לייט
וואָס וואָלטן געוואָלט אז א נייע מלחמה זאָל לאָזן
נישט נאָר מיליאָנען נייע יתומים און נייע אלמנות
נאָר די וועלט אלס א גאנצע מיט איר וויסן און פרייד און אמונה
זאָל בלייבן אין איין טאָג נאָך זיך אליין אן אלמנה.
ואו — אן אות
וואָס שטייט צוקאָפּנס פון
וויי און וויגט און ווארעמט
דערלאנגט א טרונק וואסער דעם וואָס קומט אָפּ פאר זיין
וואגן — אן אות וואָס וויל ארויספליען פון
וואנזיניקן
וואנדאליזם
און ציט פאָר צו שטיין צוקאָפּנס פון
וויים — איידער אין מיטן פון שווארץ.
ואו — אן אות — וואָס פארשטייט צו
וועגן דעם ווערט פון אלטן מענטשלעכן חלום
און שטייט אויף דער וואך
אין וואָרט וועלט און אין שלום.

א זין זיין זיין

זין — אַן אות וואָס העלפט דעם וואָרט זען און העלפט אים אויך זאָגן א וואָרט צו דער זאך און שאפט אויך דעם צויבער פון וואָרט ווען ס׳איז זויבער און קומט פונעם הארץ און פלאנצט זיך אין הארץ ווי א זאנג וואָס ווערט געזאנג און בלייבט אין זיכרון אויף אייביקע יאָרן זוניק און זים.

זין — אַן אות וואָס זשאלעוועט נישט קיין כוחות צו שרייען עס וויל זינגען אין כלי-זמר, מען זאָל עס נישט נוצן קעגן מענטשן אין כלי-זין.
זין — אַן אות וואָס וויל זיין מיט דעם זקן ווען זיין קאָפּ איז באזילבערט און געבן א זין זיין זיין.

חלום

חת — א חנעוודיק אות — א גדר אין חכמה
חת — א חתן וואָס זיצט אויבן-אָן אין וואָרט חופּה און חתונה
חשוב אין שענסטן פון ווערטער — חבר.
חת — אָן אות וואָס דערמאָנט דעם מענטשן אז ער אליין איז זיין יוצר און
חומר — אַן אות וואָס דערמאָנט אין
חוב נישט גלייכגילטיג פארביינגיין דעם מינדסטן חיסרון און שטעכן מיט
חוזק די חוצפּהדיקע חוצפּה.
חת — אַן אות וואָס קוקט ארום פארחידושט פון זכר לחורבן
און קאָן זיך ניט אָפּחידושן
פון דעם וואָס ס׳איז געשען מיטן אלטן פאָלק דעם יידישן.
חת — א גדר אין וואָרט וואָס גיט דעם מענטשן פליגל
ער זאָל פליען ווי ווייט דער געדאנק זיינער פירט אים
אין וואָרט וואָס מאכט דעם מענטשן צארט
און מאכט אָבער אויך הארט ווי שטאָל אים
חלום.

פון וואָכעדיקע טעג א יום־טוב

טית — אַז אות אין אָנהויב פון טאָג
אין אָנהויב פון טאַט
אין אָנהויב פון טובה
אין אָנהויב פון טייער
אין אָנהויב פון טאָלק
אין אָנהויב פון טרויער
אין דער פרייד פון יום־טוב.
טית — אַז אות וואָס פארשעלט זיך די יאָרן
וואָס סע שטייט ביי דעם טייוול
און סע דאַרף זינקען אין דער טומאה.
טית — אַז אות וואָס טרייבט טראַכטן אַז יעדן טאָג
מען מעסט לויט זיין טאַט
און דער מענטש דאַרף באַטראַכטן יעדן טאָג ווי א טובֿה
וואָס מען דאַרף האַלטן טייער
און דערגיין צו דעם טאָלק
אַז אין פרייד ליגט אויך טרויער
און אַז דער מענטש קאָן מאַכן פון יעדן וואָכעדיקן טאָג א יום־טוב.

א יוד אז ער איז צו גרויס

יוד — אן אויסגעשטרעקטע האנט
וואָס האָט אין זיך גבורה און צארטקייט צום גלעטן.

יוד — אן אות — א ברעקל און דאָך באשטייט עם פאר צען
און פאר צוואנציק
אן אות וואָס גיט קלאנג צו דעם ליד
באהאלט זיך אין געמיט, גיט אָפּ כבוד דער מי
דערמאנט דעם מענטשן ער זאָל זיין א ידיד
און הייסט אים אין לשון זיין אָפּגעהיט
ווייל נישט נאָר איינער האָט זיך די צונג אָפּגעבריט
יוד — זאָגט אויך אז קליין הייסט נישט זיין קליינלעך
דער ייד זאָל נישט פארגעסן אז ער איז א ייד —
ווייל די וואָס דערמאנען ווערן נישט מיד —
און טאָמער געשעט ער ווערט גרויס — איינער אויפן יריד —
זאָל ער דעם קליינעם ייד האלטן טייער ווי דאָס פייער דער שמיד.
יוד — אן אות מיט חכמה, וויסן און פארשטאנד
וואָס שטייען איין אין מענטשנס האנט.
יוד — אן אות וועגן וועלכן רעב בונעם פון פשיסכע האָט געזאָגט:
„א יוד אז ער איז צו גרויס
ווערט ער אויס ייד"
ער ווערט א שטעקן און
אויס!

רעיונות פון אַ סופר

דער אַלטער סופר זיצט און קריצט אויף פּאַרמעט אויס
די אַנסופיקע תורה.
שוין וויפל מאָל געזאָגט האָט ער
און אויסגעציקלט יענע ווערטער
וואָס רונדן און שליסן אָפּ דער תורה׳ס קרייז...
לעיני כל ישראל בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ?
ווי וואָלט אויסגעזען זיין לעבן
ווען ער בלייבט, חלילה, אַן עם הארץ?
אַט נעכטן ערשט — אָנגעהויבן האָט ער אַלס בר מיצווה —
און היינט איז ער אַ גרייז
וואָס עלטערט זיך אין איינעם מיט דער תורה.
ער ווייסט אַז נישט זיין שיינער כתב האָט זי געמאַכט
אַז זי זאָל זיין „די בעסטע סחורה״.
דאָך, בסתר, שרייבט ער צו אין דעם אויך זיך אַ שטיקל חלק,
ער ווייסט ער טוט אַן ארבעט וואָס איז הייליק.

דעם רעיון זיינעם מיט אַן אַנדערן פאַרטרייבט ער
און דעם נאָמען פון אַ צדיק נאָך דערשרייבט ער.
און ווי דעם צדיק׳ס נאָמען אויסגעפאַלן איז
ביים סוף פון שורה אין זאַץ
האָט געלאָזט דער סופר דאָרט פאַר אים אַ גרעסער שטיקל פּלאַץ.
אויסגעשטעלט די לאַנגע למד און די ברייט-בראשיתדיקע בית
דערזעט ער אַז דער צדיק זעט אים אויס
אַ לענגער אי ברייטער.
איז אַ גורל זאַך — זיך טראַכט ער — אויכעט ביי צדיקים,
איינער קומט אַרויס ביי אים אַ צאַרטער
אַן אַנדערן ער דאַרף אָנשרייבן ברייט און דיק אים.
עס געשעט אָבער נישט נאָר מיט נעמען פונעם מענטשן-שטאַם,
דאָס געשעט אויך — טראַכט ער — מיט די ווערטער סתם.

משמעות, טראכט דער סופר, און דעם שטערן טומ זיך רייבן,
אז מענטשן און ווערטער דעם אייגענעם גורל טוען זיך שרייבן.
ווערטער און מענטשן זאָגן צו מענטשן און ווערטער:
טרעט אָפּ אונדז די ערטער!
מאכט פּלאַץ!
איינגעשרומפּענע — ווערטער און מענטשן — זיך פרעגן:
איך פארשווינד צי איך פּלאַץ?

אין דער קומענדיקער שורה קומט א שלשלת
וואָס מיינט א קייט.
הייבט אָן טראכטן שוין דער סופר צו דער יידיש-קייט
און סתם אזוי צו יידישקייט
וואָס האָט כמעט נישט מער צו זיך אליין קיין ענלעכקייט.

זיין חידוש ווערט אָבער פון וואָרט צו וואָרט אלץ גרעסער
ווען עם בליצט אויף א געדאנק ווי אויף שארף פון מעסער
אז מענטשן
שטארק ענלעך זיי זענען צו ווערטער
און ווערטער
שטארק ענלעך זיי זענען צו מענטשן.
ער טראכט צו צוויי ברידער
ענלעך ווי צוויי טראָפּן טוי
נאָר איינער איז זאנג — דער אנדערער שטרוי.
א וואָרט און א וואָרט
די זעלבע צאָל טראפּן
די זעלבע צאָל קלאנגען
ווי שכינים זיי וווינען און לעבן צופרידן
און דאָך איז גענוג נאָר איין אות
אין איינעם פון ווערטער צו בייטן
אז קלאנג זאָל פארבלייבן
נאָר ווערטער באקומען גאנץ אנדערע באטייטן:
פארשרייבן — פארטרייבן
באגעגענען — באַרעגענען

שיינט — פיינט
דראָטן — בראָטן
באגינען — באדינען.
און מענטשן צו מענטשן, ווי ווערטער ווי צווייַ,
אויך ענלעך זיי זענען
גאָר ענלעך — נאָר אנדערע צוויי
די זעלבע הייך, דאָס זעלבע קול,
די זעלבע הויט, די זעלבע אויגן,
זיי האָבן ביידע פון איין ברוסט
די זעלבע מילך געזויגן,
דוכט זיך ביידע גוט און וויל
נאָר איינער האָט אין ברוסט א הארץ
דעם צווייטנס ברוסט איז הויל.
ווייל נאָר איין שטריך אין איין געשטאלט
א מענטש אן אנדערן באהאלט.

צוויי מענטשן, גלייך ווי ברידער צוויי,
וואָס איינעם פרייט, דעם אנדערן טוט וויי.
איינער גאָר זיין חכמה טיילט אויף טאָל און בארג ער
דער אנדערער איז אויף א „גוט מאָרגן‟ אויך א קארגער.
ס׳לעבט איינער שטאָלץ, מיט גלייכן רוקן,
א צווייטער טוט אויף אלע פיר זיך רוקן.
אז מען טוט א טראכט — זיך טראכט דער סופר —
צו דער קרוין פון דער יצירה
ווי שיין זי איז
ווי קליין זי איז
ווי גרויס זי איז
ווי ענלעך ז׳איז צום וואָרט
וואָס ווערט באשטימט פון אותיות
צו וועלכע די קינדער קוקן חידושדיק אין חדר ...

ער לייגט אוועק די פעדער.
דעם קאָפּ ער בויגט אראָפּ צום געלן פּאַרמעט,
די רעכטע האנט שפּארט אָן זיין שטערן
מיט לינקער האנט ער קרייזלט זיך די לינקע פּאה
און קרייזלט אוים אין דימיון — מיט מענטשן און מיט ווערטער —
א ניגון אין דער אלטער מעלאָפּייע.

די תפילה פון ווערטער

האר פון דער וועלט, בן־אדם, דערוואך!
הער צו וואָס מיר בעטן דיך
מיט ווערטער וואָס פלאַמען אין יידישער שפראך.

היט אָפּ אונדז, בן־אדם,
פון ווערטער־פארלוימדער —
דעם כוח פון וואָרט דיינעם היט דיר און שוין דיר —
און מאך זיי אוממעכטיג
די ווערטער־באצווינגער פון אלערליי לענדער
וואָס מאָנען ביי אונדז, אראָגאנט, נידערטרעכטיק,
אז מיר זאָלן זיין אונדזערע אייגענע שענדער.

היט אָפּ אונדז, בן־אדם,
דו האר פונעם וואָרט,
וואָס קאָנסט מיט די ווערטער
א וועלט דיר באשאפן,
היט אָפּ אונדז פון ווערטער־פיראטן
וואָס ריידן פארשטעלט
און נוצן אויס ווערטער,
אומשולדיקע, ריינע,
פאר בייזע געדאנקען
און ליגנס געמיינע
און זאָגן דאָס וואָרט איז
אן אויסוווּרף, א זונה,
און צווינגען עס זיין
זיין אייגענער שונא.
באשיץ אונדז, בן־אדם,
באהיט אונדז, דו האר,
פון ווערטער־פארשווענדער,

פאַרמייד די געפאַר
וואָס קומט פון די שענדער
פון אמתן וואָרט
און שטעל יעדעס וואָרט דיינס
אויף ריכטיקן אָרט,
עס זאָלן פאַרשוועכער
צו דעם ניט צוקומען
דאָס וואָרט זאָל פאַרבלייבן
געלייטערט אויף זייער גומען.

צו דיר נאָר, בן־אדם,
מיר ווענדן די תפילה,
דו ביסט אונדזער האַר
און מיר דיין גבורה.
נעם אָן דיך מיט מוט און מיט כוח מיט שאַרפן
און לאָז נישט אויף הפקר מען זאָל מיט אונדז וואַרפן.
נישט לאָז מען זאָל וואַרפן די ווערטער ווי מיסט
און וואָרט־לעסטערער וואָרן
זיי לעסטערן אומזיסט.
פאַרשעם די לעסטערער פון יעדן אָרט
וואָס שרייען מיט ווערטער:
„ס'איז איבעריק דאָס וואָרט!"

מיר, מחנותווייז מיר שטייען
מיט שטראַלן אָנגעגורט,
דו העלף אונדז נאָך באַזיגען
מיט שכל אונדזער אָרט
אין דיכטערישע שורות
וואָס ברענגען טרייסט דער וועלט
אין ליבע־לידער צאַרטע
ווו א שיין וואָרט עס פעלט
אין עלנטקייט פון מענטשן
ווען מענטשן זיי פאַרשעמען

און זייער פּלאַץ פאַרדינטן
מיט אומרעכט זיי פאַרנעמען
אין אויפריכטיקע רעדעס
פאַר שלום צווישן עדות,
אויף מאַרקן, בינעס און סאַלאָנען,
מיר פילן נאָך אין זיך דעם כּוח
שטום צו מאַכן די קאַנאָנען.

געדענק די טעג פון דער פאַרמישטער שפּראַך אין בבל
און לאָז ניט שטיין דאָס וואָרט פאַריתומט ווי אַן אבל.

גאָלד און פּייער

שווייגן איז גאָלד
און רעדן איז פּייער.
וואָרט איז א פונק
וואָס קאָסט צו מאָל טייער.

דאָך האָט דער מענטש
ליבערשט דאָס פּייער.
שווייגן מאכט אלט
וואָרט איז באנייער.

גאָלד איז פארמעג
נאָר שווער אין די וועגן.
אוצר פון וואָרט
קאָן לייכט זיך באוועגן.

שווייגן איז גאָלד
מיט גאָלד מאכט מען שווייגן.
גאָלד פירט אראָפּ
וואָרט מאכט דיך שטייגן.

צאָלט אלץ דער מענטש
פאר וואָרט זיינעם טייער
און גייט פארן וואָרט
אפילו אין פייער.

דער ווייס-בלאָער הימל פאַרטונקלט זיין בלאָ

עס קומט אַ טאָג
ווען אויך מענטשן וואָס האָבן טויטע זאַכן באַלעבט און פאַראייביקט
מוזן פון לעבן זיך שיידן און שטאַרבן.
חל איז דאָס אויך אויף דעם
וואָס געשענקט האָט זיין פאָלק און זיין לאַנד
דאָס לאַנד און דאָס פאָלק אין אַ שפּיגל פון פאַרבן
אין שפּיגל זיין נאָמען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד זאָל אים ערבן.

געקומען איז דער טאָג
אין אַלט-באַנייטן לאַנד ישראל
אַז שטאַרבן דאַרטן זאָל אַ פאַרבן-צויבערער אַ גדול.
אַ לעבן-לאַנג ס'האָט פון זיין געטלעכער האַנט
זיין לאַנד און זיין פאָלק דורך אַלערליי פאַרבן געשפּרודלט.
מענטשן און ביימער
שטיינערנע פעלדער און שיטערע וועלדער
פייגל און גראָזן און וואַסערן מילדע
טרויבן און טייטלען און פייגן און איידעלע פלאַנצן
ישיבה-בחורים, קיבוצניקעס שיינע ווי זאַפטיקע מאַראַנצן,
געמאַכט האָט ער אַלע זיי זינגען אין פאַרבן
אין פאַרבן צו טאַנצן.
פאַראייביקט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק
געגאַנגען מיט זיי אין צרות, ניסיונות,
אַ לעבן געאַרבעט ווי אַ פלייסיקע בין
איצט בלייבט דאָ אַ נאָמען — ראובן רובין.

עס פליט זיין געדאַנק צום לאַנד פון געבוירן
וועלדער עס רוישן און דוינעס פאַרנעמען די אויערן
גאַסן און געסלעך קומען צו פליען
און לאָזן זיך זען ווי אין אַמאָליקע דערוואַכנדיקע אינדערפריען.

דער מייסטער דאָס אַלץ באַגריסט מיט אַ שמייכל
און טראַכט: ווען ער האָלט נישט ביים שטאַרבן
וואָלט ער נאָך דאָ און דאָרט
צוגעגעבן עטלעכע פאַרבן.
ווי זענען די מענטשן — חברים געטרייע
צעזייט און צעשפּרייט
ס'טוט די וועלט זיי נישט סטייען.
און דער וועלטן־ווירוואַר ווערט אַלץ ווילדער און ווילדער...
דער מייסטער דערוויטערט זיך
פון גאָר נאָענטע בילדער.

פּלוצעם דערזעט ער אַ חבר אַן אַלטן — אַ גרייז אַ גאָר מילדער
זיין ווייסן קלוגן קאָפּ ער זעט ווי אויסגעהאַקט
פון ווייסן מירמלשטיין.
ס'איז נישט קיין אַנדערער נאָר אַרטור רובינשטיין.

זיי שווייגן און קוקן זיךביידע אין די אויגן...
פון פאַרב און פון קלאַנג — גייט אויף אַ רעגנבויגן.
אויפן בליק פאַרשטייען זייביידן:
געקומען די צייט פון זיך שיידן.

אַרטור רובינשטיין גייט צו צום קלאַוויר
ווי אַ כהן־גדול צום ארון קודש.
איין רגע און אַלעס שטילט:
אַרטור רובינשטיין שפּילט.
פאַרביקע קלאַנגען
פאַרבן וואָס קלינגען
גייען אויף פון אונטער זיינע טרויריקע פינגער.
מיט פונקען עס שפּריצן די שוואַרץ־ווייסע קלאַווישן
קלאַנג און פאַרב — צייט און רוים זיי פאַרווישן.
דער קלאַנגען־צויבערער שפּילט
דער פאַרבן־צויבערער ווי דורך אַ פאַרבן־שלייער הערט.

דאָס לעבן פּירט איצט דאָ א שמועס מיט דעם טויט
דער טויט זעט ווי׳ס לעבן איז פלאם נאָר און ברען
און איבער דעם שמועס עס קלינגט די מוזיק פון שאַפן.

די קלאַנגען פּילן אָן דעם רוים
און אַלץ פאַרוואַנדלט זיך אין א גישט-דאַיקן טרוים.
דער פאַרבן-צויבערער איז איצטער ווייט
אין אַלטע ווייטן און צייטן
עס מישן זיך די בילדער
מאָלדאַוויש-וואַלאַכישע
מיט חומשדיק-תנ״ך-ישע
מחשבות גייען און קומען
ווי לעבעדיקע און אָפּגעלעבטע בלומען
סוף כל סוף קומט דער סוף
צום פויגל, צום בוים און צום מענטשן,
איין קאָליר ווערט פון אַלע קאָלירן
און דאָס איז דער אייביקער גאַנג
פון אַלע פאַרבן-געזאַנגען עס ווערט
איין פרייַלעך און טרויריק געזאַנג
וואָס צעקלינגט זיך ווידער אין פאַרבן
און לעבט און קלינגט און שיינט
און גרייט זיך צו שטאַרבן.

אין אַלט-באַנייטן לאַנד ארץ ישראל
איין רגע אַלעם שטילט:
ראובן רובין גרייט זיך צו דער לענגסטער נסיעה פון אַלע נסיעות
און ארטור רובינשטיין שפילט מיט טרערן אויף די וויעס.

משמעות געשעט עפּעס דאָ.
דער וויים-בלאָער הימל
פאַרטונקלט זיין בלאָ.

דריי פילאָסאָפן

די דריי פילאָסאָפן — אין גאנצער שטאָט באקאנט
נישט געווען זענען מארקס, נישט ספינאָזא, נישט קאנט.
געווען זענען אלע פילאָסאָפן די דריי
שוך-פוצערס אלע — מיט קעסטעלעך פאר זיי.

געזעסן אין שכינות אויף בענקעלעך קליינע
שטודירט אונדזער וועלט לויט די פיס.
דערקענט אלע מענטשן — איידעלע, געמיינע
און געזאָגט ווי זיי זענען: שיין אָדער מיאוס.

געזעסן זיי זענען אויף דער שטאָט'ס גרעסטער גאס
די וועלט דאָרט שטודירט נאָר פון דרויסן,
באטראכט יעדן איינעם, מיט ערנסט, מיט שפאס,
פארשטאנען וואָס יעדער איז אויסן.

דער ערשטער געהייסן האָט אריה מיט דער נאָז
אויף נאָז ער געהאט האָט א גוליע — א קארטאָפל
שטענדיק פארהאוועט — גרויס ווי א ריז
און פלינק ווי א רוח אין פאנטאָפל.

באמערקט האָט ער, אריה, דערשמעקט מיט דער נאָז,
אז פיס ווען זיי לויפן, זיי לויפן פאר נויט.
„דאָס יאָגן זיך, רייסן זיך, פרעגט איר פארוואָס?
ס'איז אלץ פאר דעם שטיקעלע אָרעמען ברויט".

אלץ וואָס געטראָפן עס האָט זיך אין שטאָט
בשתיקה, צי אָפן, צי הינטער א פלויט,
פלעגט זאָגן רעב אריה ס'איז גאָרנישט קיין סוד
„ס'איז אלץ פאר דעם אָרעמען שטיקעלע ברויט".

טרעפֿט זיך רעב אריה'ן אַן אומגליק אַ גרויס
זיין זון דוד-משה פֿאַרשווינדט און איז אויס!
עס פֿליִען חדשים, עס פֿליִען אויך יאָרן,
דער זון איז נישטאָ. ווער ווייסט וווּ פֿאַרפֿאָרן?

נאָך יאָרן און יאָרן עס קומט אָן צו פֿאָרן
אין שטאָט אַ פֿאַרשוין — אַ מין אימפּרעסאַר —
ער דינגט אָפּ אַ זאַל און קלעפּט אויס פּלאַקאַטן
און צאָלט אָפּ אַן אוצר דערפֿאַר.

דאָס וויל ער — זאָגט ער — די שטאָט איבעררײַשן
און אָפּגעבן כבוד אויך איר
אין זאַל וועט אויפֿטרעטן אין פֿראַק און גאַמאַשן
אַ גאָר וועלט-באַרימטער יידישער פּאַקיר.

זיין נאָמען פֿאַרשטעלט איז — ער הייסט דאַרסאַ מאָור
שוין לאַנג פֿון זיין היים ער אַוועק איז
דער עולם וועט קוקן און גאַפֿן און זען ווי
מען קלאַפּט אין דער צונג זיינער טשוועקעס..

מען לעכערט זיין צונג אים און ס'גייט נישט קיין בלוט
באָרוועס אויף קוילן ער גייט ווי שפּאַצירן
ער וויגט זיך און לייגט זיך און טאַנצט אויף אַ דראָט
דער גרעסטער פּאַקיר פֿון דעם לאַנד פֿון פּאַקירן.

פֿאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג און רעב אריה דערוווּסט זיך
אַז ס'איז דער פּאַקיר זיין זון דוד משה
פֿאַרשווינדן איז ער — ווי אַ יינגל עס גלוסט זיך —
אַוועק אין דער פֿרעמד ערגעץ ווערן אַן עושר.

עס טומלט די גאַס און עס קאָכן זיך געסלעך
מען וואַרט אומגעדולדיק, מען פֿרעגט וואָס דער צוועק איז,

דוד-משה דער שאַלטיק וואָס פלעגט קאַטשען פעסלעך
יאָל לאָזן מען זאָל אים אין צונג קלאַפּן טשוועקעס.

די שטאָט וויל אים זען שוין, ווי זעט ער איצט אויס?
און וואָס וועט ער זאָגן זיין טאַטן? מען קוקט קוים אַרויס.
מען לויפט צו רעב אריה'ן — ער שטאַלץ איז און גרויס:
זעט איר שוין, חברה, וואָס פון אריה'ן איז אַרויס!

דער טאָג איז געקומען — עס קומט דער פּאַקיר!
די שטאָט איז געגאַנגען צום צוג אים אָפּוואַרטן
אים אויפנעמען שיין ווי עס פּאַסט אַ בן-עיר
ווי אַ חשובן גאַסט אַ לאַנג שוין דערוואַרטן.

רעב אריה איז אויך דאָ. ער רעדט גישט — ער שטראַלט
ער זעט שוין זיין זון אין דער נייער געשטאַלט.
פון דער היים איז אוועק ער אַן אַ געזעגענען
ווי וועט ער איצט אים, נאָך יאָרן, באַגעגענען?

דער צוג איז שוין דאָ, דער עולם זיך שטופּט,
נאָר דער אימפּרעסאַר האָט דעם עולם צעטריבן.
אַראָפּ איז פון צוג אַ פּאַרשוין אין אַ ליילעך ביז איבערן קאָפּ
אויף ליילעך מיט שוואַרץ אָנגעשריבן:

דאַרסאַ מאָור — איינס פון די וואונדער די זיבן!
געוואַרט האָט אַ דראָזשקע — דער פּאַקיר איז אַרויף
אַ בייטש פאַר די פערדלעך — די דראָזשקע אַנטלויפט
דער עולם צעגייט זיך — און אריה מיט דער נאָז איז געבליבן.

דער זאַל איז געפּאַקט — אַ גאַנץ לאַנגער קלונג
דער פּאַקיר אויף דער בינע שטעקט אַרויס די צונג.
ס'איז ער — דוד — משה-די טשוועקעס דערנעבן
איצט וועט מען זען: שטאַרבט ער, צי בלייבט ער ביים לעבן?

מען קלאַפּט אין זיין צונג אים אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק
גלייך גאָרנישט אים מיינט מען! דער עולם — פאַרוווּנדערט!
אַ האַלבע שעה שטייט ער אַזוי נישט גערירט.
רעב אריה קוקט צו און חלשט אין זאַל, מיט טראָפּן מ'האָט קוים אים דערמונטערט.

געענדיקט די קונץ — מען שרייט בראַוואָ! ביס!
רעב אריה שטייט קוים אויף די פיס
דער עולם וויל זען פון דער נאָענט דעם פאַקיר
נאָר ווער לאָזט דען צו — פאַרריגלט די טיר.

עס היט אים געטריי, ווי אַ הונט, פאַר דער טיר
אַליין דער פאַרשוין וואָס איז זיין אימפּרעסאַר
ער לאָזט נישט צו קיינעם — ס'איז מיד דער פאַקיר
איצט ריידן מיט אים איז פאַר אים אַ געפאַר.

נאָר חברה זיך לאָזט נישט — מען פרוווט אים דערקלערן
אַז דאָס וואָלט געהייסן רעב אריה'ן פאַרראַטן.
ווי קאָן אַזוינס זיין — אַן אייגענער זון
זאָל נישט ריידן אַ וואָרט מיט זיין אייגענעם טאַטן.

מיט בייזן, מיט גוטן — ער גייט אויף דעם איין
און לאָזט שוין רעב אריה'ן צו דוד-משה'ן אַריין.
דער עולם אין דרויסן קאָכט זיך און פירט דעם פאַרעד:
טשיקאַווע צו הערן וואָס טאַטע און זון האָבןביידע גערעדט.

ס'האָט קיין סך נישט גענומען און רעב אריה איז אַרויס:
נו? גוי אַזוי טוט ער? צו וואָס? ווי האַלט ער עס אויס?
בייגט אָן זיין קאָפּ דער אַלטער רעב אריה
און ווייזט מיט דער האַנט אַראָפּ צו די פיס:

פון ווען אָן איך זאָג שוין און שריי אַלץ און טענה
נאָר קיינער הערט צו זיך צו ווערטער צו מיינע.
פיס ווען זיי לויפן טרייבט זיי די נויט
ס'איז אַלץ פאַר דעם אָרעמען שטיקעלע ברויט.

דער צווייטער געהייסן האָט יאַנקל די ליולקע
די פּיס — האָט באַמערקט ער — זייער אַרבעט איז טרעטן.
איין מענטש טרעט דעם צווייטן ווי מען טרעט אויף אַ פּילקע
און ס'העלפט נישט קיין שרייען, עס העלפט נישט קיין בעטן.

און נאָך האָט באַמערקט ער ביים אייגענעם פּאַך:
צו לעדער און פעל זענען מענטשן געגליכן.
די לעדער זאָל גוט זיין מוז די פעל זייער אַסך
ליגן אין שמוץ, ביים דובען, ווו די ווערעם דאָרט קריכן.

פאַרשטייט נאָר דעם רעיון — ער איז טיף און איז שאַרף!
אויך דאָס מיט אַ מאָס! ווייל ,טראַכט נאָר פאַרקערט,
ליגט מען אין שמוץ דאָרטן מער ווי מען דאַרף
צעקריכט זיך די פעל און קיין לעדער נישט ווערט.

דער מענטש זאָל זיין מענטש ער מוז אַסך ליידן
און גאָרנישט אין לעבן זאָל אים אָנקומען גרינג.
ער מוז תמיד גרייט זיין דעם שקר אויסמיידן
און ווייסן דאָס לעבן איז נישט סתם אַ טאַנץ און אַ זינג.

נישט איין מענטש זיך שפּיגלט אין שיך וואָס זיי גלאַנצן
די לעדער איז שיין און דער פּיס פילט זיך גוט,
נאָר ווער ס'האָט געליטן פאַרגעסט מען אינגאַנצן
ווער טראַכט דען צו ליידן? צו דעם דאַרף מען מוט!

דער מענטש קאָן דורך ליידן נאָר ווערן מער מענטש
און קומען צו זיך דורך וועגן נאָר נייע
און דאָס איז דער חילוק פון מענטש וואָס איז מענטש
צום מענטש וואָס נאָך ציט צו דער חיה.

אזוי פלעגט רעב יאנקל די ליולקע אליץ ריידן בשעת ער
די שיך האָט געפּוצט זיינע קונאים.
גערעדט האָט אָן כעס ער
דאָס היטל פון קאָפּ האָט באַצירט, ווי א קרוין, אים.

מיטן קאָפּ אראָפּ האָט ער גערעדט צום קאָפּ ארויף
די קונים פלעגן הערן — געקוקט ווי די בערשטלעך טאנצן
און געטראכט זיך — זאָל ער ריידן
ביז ער ענדיקט ווען ביידע שיך זיין ריין און גלאנצן.

דער דריטער געהייסן האָט זיידל
א נאָמען וואָס גראַמט זיך מיט איידל
דער גראם פּאסט זיך דאָ פּאָטערלעך, מאמעש,
דער מענטש איז אים ווערט געווען ממש.

געזעסן איז זיידל פארן קעסטעלע, שטיל
און כמעט נישט גערעדט מיט די שכינים.
ס'האָט יעדער געטראכט און גערעדט וואָס ער וויל
ער האָט נישט געטשעפּעט מיט קיינעם.

ס'האָט זיידל גערעדט און געחברט זיך שטארק
מיט פייגל וואָס האָבן אויף ביימער די נעסטן.
מיט זיי פלעגט ער שמועסן — אין ווערטער גאָר קארג
און זיי אים באטראכט פאר דעם חבר דעם בעסטן.

ווי קומט ער צו פייגל? די פייגל צו אים?
דאָס מעג מען פאר לייטן דערציילן.
און דאָס טו איך איצט — כל זמן איך געדענק
און זאָג צו קיין וואָרט נישט פארפעלן.

געווען א שעה אין טאָג ווען זיידל פלעגט אויך עסן
געוויינלעך פארן קעסטעלע וו ער איז געזעסן.

וואָס קאָן שוין אַ פּוצער דאָרט עסן — פאַרשטייט זיך קיין קוגל קיין זיסן
נאָר אַז יידלען באַשערט איז זיין אָרעם, דאַס דאַרפן די פייגל נישט וויסן.

איז וואָס ער געהאַט האָט — דעם אָרעמסטן ביסן
דערפון האָט געלאָזט ער אויך די פייגל געניסן.
פון פאַרטוך דערלאַנגט זיי ביים ראַנד פון טראָטואַר
צו זען ווי זיי עסן געווען איז זיין שכר.

נאָר איין מאָל ס'האָט יידל די ברעקלעך געשיט
ביים ראַנד פון טראָטואַר נישט אַם בעסטן
און עטלעכע ברעקלעך אומגערן צעשיט
אַביסעלע נענטער צום קעסטל.

באַמערקט האָט ער דאַן ווי די פייגל לייכט שפּאַנען
און כאַפּן די ברעקלעך אויף גיך.
פון דעמאָלט האָט יידל שוין איטלעכן טאָג
די ברעקלעך געשיט אַלץ נענטער צו זיך.

צו ביסלעך, צו ביסלעך, האָט יידל געלערנט
די פייגל מיט אים פון איין פאַרטוך צו עסן.
ערשט דעמאָלט זיין פרייד האָט געשיינט און געשטערנט
און ער איז ווי שלמה המלך אויף זיין בענקעלע געזעסן.

געקוקט האָבן קינדער און מענטשן דערוואַקסענע
ווי יידל פּלעגט פּראַווען מיט פייגל אַ סעודה,
ווי יידל פּוצט שיך מיט פייגל אויף די אַקסלען.
ער טוט זיך זיין אַרבעט און זיי זינגען אַ לידל.

וואָס זינגען די פייגל? וואָס צווייפּטשען זיי דאָרט ?
פּלעגט איינער צו מאָל יידלען פרעגן.
זיי זינגען אַ דאַנק פאַר דעם רויקן אָרט
וואָס שפּאָרט זיי דאָס בלאָנדזשען אויף וועגן.

ווער ווייסט ווער זיי זענען — פון וואנען זיי קומען
ווער ווייסט צי פון פליען זיי אויכעט נישט מיד.
קאָן זיין זיי דערזינגען א ניגון א שטומען
וואָס נישט אויסגעזונגען עס האָט, ווען א ייד.

די שטאָט האָט געוווסט אז זיידל ער רעדט און חברט זיך שטאַרק
מיט די פייגל וואָס האָבן אויף ביימער זייערע נעסטן
מיט זיי פלעגט ער שמועסן — אין ווערטער גאָר קאַרג
און זיי אים באטראכט פאר זייער חבר דעם בעסטן.

שמעון דער טרעגער און דער קאַפּיטאַן

שמעון געווען איז אַ פּשוטער טרעגער.
זיך שטענדיק געפּרעגט צי פאַרגינען זיך מעג ער
צו האָבן כאָטש איין מאָל אַ רויִקן טאָג
נאָר אייביק געהאָרעוועט, תמיד געיאָגט
און קיין מאָל געהאַט האָט ער ברויט צו דער זעט.
זיין טיש איז קיין טיש נישט, זיין בעט נישט קיין בעט.
ס'האָט קיין מענטש אין לעבן געזאָגט אים גוט מאָרגן
אַז ער האָט געזאָגט האָט מען קוים אים געענטפערט
מיט האַלבן מויל — דאָס וואָרט ווי דערוואָרגן.
אין שיל אַן עליה? ווער האָט אים אין זין?
וואָס ליבע איז? כבוד? ער ווייסט נישט דערפון.
געטראָגן האָט שמעון מיט יאוש דעם יאָך
צו וואָס זיך באַקלאָגן — געזונט איז ער דאָך!
מען קאָן אויך אָן כבוד אָפּלעבן אַ לעבן!
פאַרוואָס קומט אים כבוד ? און ווער זאָל אים געבן?
אָן כבוד צו לעבן — טראַכט שמעון — פאַרשטיי איך,
ווי ווער איך נאָר פּטור דעם בייזן רוצח?
דער בייזער רוצח איז שמעון'ס אַ שונא,
ער איז קאַפּיטאַן און איז שמעון'ס אַ קונה
אַ קונה וואָס לאָזט זיך אַ גאַנץ יאָר באַדינען
און גיט נישט קיין גראָשן קיין מאָל צו פאַרדינען.
זעק טראָג אים, קאַסטנס, רייס אָפּ דיין געזונט
און אַז ס'קומט צום באַצאָלן רייצט אָן ער דעם הונט.
נישט איין מאָל געטרעטן ער האָט שמעון'ען עלעהיי מיסט,
געהרגעט געשלאָגן אים, שיער נישט געממיתט.
געדולדיק האָט שמעון די שאַנד אויסגעטראָגן,
מיט וועמען זיך לאָדן? פאַר וועמען זיך קלאָגן?
געטרייסט האָט זיך שמעון פאַר אַלדאָס שלעכטס, בייזן,
מיט איין געדאַנק: דער טויט וועט אויסלייזן!

נאָר הערט וואָס עס טרעפט זיך — איר וועט דאָס נישט גלייבן
נאָר גיי שאַץ דעם ברעג פון פאַנטאַזיע ביים לעבן ...

עס גייען די טרעגערס נאָך שמעון'ס לויה
זיי טראָגן דעם ארון ווי ברידער געטרייע,
מען וויינט נישט, מען קלאָגט נישט — מען טוט זיך נאָר זאָגן:
געטראָגן, געטראָגן, זיך אויך אָפּגעטראָגן ...
אין וועג צום בית עולם, ווער קומט זיי אנטקעגן?
איר וועט נישט דעררואָטן — אומזיסט אייך צו פרעגן.
דער בייזער רוצח, דער קאַפּיטאַן, וואָס טוט זיין קאָמפּאַניע איצט פירן
צו א פּאַראַד ווו זיי דאַרפן מאַרשירן.
דער גזלן, ער ווייסט נישט ווער ס'ליגט אינעם ארון,
ער ווייסט נאָר ס'א מינהג פון יאָרן און יאָרן,
נישטאָ וואָס צו טראַכטן, נישטאָ וואָס צו קלערן,
מען באַגעגנט א לויה מוז מען דעם טויטן באערן.

באַפוילן ס'האָט ער טאַקע דער קאַפּיטאַן
די זעלנער, צו שטעלן נעשפּאַנטער זייער שפּאַן
און נעמען די ביקסן פון אַקסל אין האַנט און זיי ווענדן אויף רעכטס
פאַר אַן ערן-סאַליוט!
און ער אליין — דער קאַפּיטאַן
האָט צוגעלייגט זיין רעכטע האַנט צום אָפּיצירסקע הוט.

אזוי האָבן דער קאַפּיטאַן און זיין קאָמפּאַניע
פאַר שמעון'ס ארון פאַרביימאַרשירט
בעת די טרעגערס האָבן שמעון'ען, אויף זיין לעצטן וועג,
צום עולם האמת געפירט.

געשטאָרבן דער באס

נעוווסט האָבן אַלע — די שטאָט און די גאס
אז פּנחס דער קלעזמער, ער לעבט פונעם באס.
ער לעבט נישט פון שפּילן, ער לעבט פון פאַרדינגען,
דעם באס ער פאַרדינגט, פאַר די קלעזמערישע ייִנגען.
אַמאָל פלעגט אויך פּנחס אַליין אויף אים שפּילן.
פּרנסה בצימצום — דעם הונגער צו שטילן.
געשפּילט האָט ער געטלעך, אין זאַלן, אין הויפן,
מיט אים די קאַפּעליע איז געגאַנגען אויף שרויפן.
געשפּילט האָט ער טעגלעך — נאָר שבת איז שבת:
„שבת זאָלן געבן קאָנצערטן די זשאַבעס".
געוווסט האָבן אַלע — דער ייִד און דער פּויער
אַז שבת וועט פּנחס נישט גרילצן אין אויער.
נאָר שבת צו נאַכטס, ווען ס'באַווייזט זיך אַ שטערן,
ערשט דעמאָלט לאָזט פּנחס דעם באַס זיינעם הערן.
ווען פּנחס דערפילט האָט זיין כּוח אים פאַרלאָזט
האָט ער זיך פון שפּילן, מיט טרויער, אָפּגעלאָזט.
„שפּילן, דאָס מיינט נישט נאָר פירן דעם סמיטשיק אהין און אהער,
ווער ס'שפּילט מוז אויך פילן און פּונקט ווי דער עולם אויך לאָזן אַ טרער".
פּרנסה בצימצום — ווערט קלענער און קלענער,
נאָר פּנחס געוווינט איז און פאַסטן — דאָס קען ער.
דאָס קען גוט זיין ווייב אויך, ליפּשע די רויטע,
זי רעכנט זיך לאַנג שוין צווישן די טויטע.
אַזוי, שוין זינט יאָרן, עס שלעפּט זיך דאָס לעבן,
עס גייט נישט פיל בעסער די שכנים דערנעבן.
זינט יאָרן אַזוי — נישט מען לעבט, נישט מען שטאַרבט —
ליפּשע ווערט בלאַסער און פּנחס — ער דאַרבט.
די כּוחות ניט סטייען, דאָס קול דינט ניט מער אַ כּלה באַזינגען,
האָט אָנגעהויבן פּנחס דעם באַס צו פאַרדינגען.
נאָר דאָך, ער געטרויט אים נישט טאַקע סיי ווען,

ער לאָזט נישט דעם באָם זאָלן שקצים פארשעמען.
„א כלי צום שפּילן איז נישט פאַר קיין שפּאַס".
און פּנחס גייט מיט און היט אָפּ דעם באָם.
ער הערט דעם באָם וויינען — ווייל ער פּילט נישט זיין האַנט —
און פּנחס וויינט מיט, וווּ ער זיצט, ביי דער וואַנט.
זומער און ווינטער, פון היץ און פון קעלט.
דעם באָם ער היט אָפּ, ווי'ס טייערסטע אויף דער וועלט.
ווינטער אין שטיבל איז קאַלט און ס'איז נאַס
מוז מען, פאַרשטייט זיך, איינהילן דעם באָס.
אונטער די מאַנטלען, שלאָפן ליפּשע און פּנחס, די פּיס נישט אויסגעשטרעקט
און מיט דער קאָלדרע האָט פּנחס דעם באָם צוגעדעקט.
דערמיט האָט זיך פּנחס נישט קיין שיינעם צונאָמען דערוואָרבן,
ס'האָט אים אָבער ווייניק געקרענקט — ער איז אינגיכן געשטאָרבן.
באַגלייט האָבן אים קלעזמער — נישט נאָר איין קאַפּעליע
און מספּיד געווען האָט אים דער עלוי רעב עליע.
געזאָגט האָט רעב עליע: „א קלעזמער מאַכט טרויריק און פריילעך
און דערמיט ער שטייט נישט אַרונטער פון דוד המלך".
די קלעזמער געוויינט האָבן ביי די ווערטער פון לויב
און געטראַכט זיך: א קלעזמער — א מלך, וואָס איז דער מענטש? שטויב.
און ליפּשע איז געשטאַנען אין טרויער געהילט
און איינם נאָר געטעהנעט: „ער האָט זיך פאַרקילט!
ער האָט דעם באָם די קאָלדרע געגעבן
און זיך דערמיט פאַרקירצט דאָס לעבן".
און טאַקע אין יענער נאַכט האָט זי פון באָם די קאָלדרע אַראָפּגעצויגן
זיך איינגעדעקט די פּיס און אויך איר קאָפּ מיט די פאַרוויינטע אויגן.
דער באָם איז געשטאַנען, געציטערט פון קעלט.
דער סמיטשיק דערנעבן — א פאַריתומטע וועלט.

נאָך עטלעכע טעג עס זענען געקומען די קלעזמערישע יינגען
ביי ליפּשען דעם באָם פאַר א חתונה פאַרדינגען.
זי גייט צו צום באָם, נעמט אים אָן מיט א טרויריק געמיט
און פילט ווי אונטער אירע הענט דער באָם זיך צעשיט.

געדערט האָבן אַלע — די שטאָט און די גאַס:
געשטאָרבן איז פּנחס — געשטאָרבן דער באָם.

לאָמיר זיך אויפהערן רינגען

נאָך פערציג יאָר פון אונדזער בראָך
און נאָך נישט אָפּגעשאצט זיין גרייס אים
מען אמפּערט זיך, מען דינגט זיך נאָך
פאר מינערן די צאָל פון מתים.

די מינערער זענען גאָך פיין
זיי גיבן צו אז מ׳האָט געמאָרדעט
זיי זאָגן נאָר ס׳איז קיינעמס שולד
דער פירער האָט דעם מאָרד פאראָרדנט.

נישט זעקס מיליאָן — זאָגן זיי — ווי מען שרייבט
אין די יידישע בלעטער
מ׳האָט געמאָרדעט נאָר פינף,
איין מיליאָן מען האָט צוגעשטעלט שפּעטער.

פאראן פּראָפעסאָרן וואָס טוען דעם ענין שטודירן
אין דייטשלאנד, אין ענגלאנד, פאראייניקטע שטאטן
דער אויספיר: דאס שטודיום איזט שווער, פאסט אָנע ענדע
זעקס מיליאָן? איינע וואהרע לעגענדע!

עס בלייבט נאָר צוווארטן אויף תחית המתים
ווען אלע פארגאזטע פארברענטע
דעם הונגער פארלאָזטע און לעבעדיק באגראָבענע
וועלן מארשירן אין סקעלעטן-עשאלאָנען

און לאָזן זיך ציילן אין די מיליאָנען.
דעמאָלט וועט זען יעדער מערדער און רודף
די זעקס מיליאָן אין דערצו נאָך אן עודף.

יעדער איינער פון די מתים וועט אָננעמען די פּראָפעסאָרן
און ווייזן זיי ווער ס'איז געווען זייער מערדער.
סקעלעטן לעבעדיקע וועלן טייטן מיט די פינגער
אין טאָג פון תחית חמתים
און אָנווייזן אויף די מערדער: דאָס איז ער! איך דערקען אים!
איך וויים אים!
— דער האָט געהייסן אין פלאַמען מיך וואַרפן
— דער האָט דעם רינג פון מיין האַנט אָפּגעצויגן
— דער האָט געשאָסן מיר גלייך אין די אויגן
— זאָל מען אונדז היינט ציילן
און מיר וועלן דערציילן אַלע וואָס מיט אונדז איז געשען
דערציילן דעם אמת פאַרשטעלטן
עס זאָלן אים הערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל ביידע וועלטן.

איז לאָמיר זיך אויפהערן דינגען
וואָס שפּילט שוין א ראָלע די צאָל.
די טויטע ווערט סיי ווי נישט גרינגער
לאָזט רוען דאָס אַש זייערס אין טאָל.

און לאָמיר נאָך וואַרטן מיט ציילן דעם בראָך
און לאָמיר נישט מעסטן זיין גרויס אים.
דער טאָג פון סך-הכל פאַרשפּעטיקט זיך נאָך
ער קומט מיט דעם טאָג פון תחית המתים.

איך ווייס אז ס'איז ביליק

פאר אלץ וואָס מיר פון יאָרן טויזנטער
אויף אָט דער וועלט געניסן —
אין א געמיש פון ביטער און פון זיסן —
פאר אלץ מיר דארפן שעלטן אָדער בענטש
צו מאָל אויך זיך
צו מאָל א צווייטן מענטשן.

איין מענטש האָט אויסגעטראכט דאָס ראָד
א צווייטער — ווי מען פליט צו דער לבנה.
ס'האָט איינער אויסגעטראכט די רוט
א צווייטער האָט אנטפּלעקט די קלאנגען פון א סטרונע.
ס'האָט איינער אנטדעקט דעם כוח פון א געשפּאלטענעם קערן
און אנדערער אן אפּאראט מען זאָל זיך קענען אונטערהערן.
ווען איינער האָט באוויזן ווי גוט ער איז אין מאָרד באהאוונט
און אנדערער אנטדעקט האָט
ווי א געשטאָרבענער קאָן בלייבן, ווי אמאָל, באוועגלעך, אויף א לייוונט.
ווען איינער האָט פארלאנגט אז מנטש זאָל לעבן פריי און גראָד
און אנדערער האָט אויסגעטראכט דאָס שטעכל-דראָט.

דוכט זיך וואָס — א דראָט באבלימלט דאָ און דאָרט
מיט דראָטן-שפּיצן
ווער וועט זיך נעמען אזוינס גאָר באנוצן?
און דאָך — מען קאָן זיך אויף דעם חוש פון אייניקע פארלאָזן —
מען האָט דערשמעקט אז דאָס קאָן זיין צוגלייך א מיטל
נישט אריינצולאָזן און נאָך מער נישט ארויסצולאָזן.
מ'האָט אָנגעהויבן מיט שטעכל-דראָט צו צוימען
פרייהייט, מענטשן, טרוימען,
און שטעכל-דראָט פארבליבן איז ביז היינט

פון אלץ וואָס מען באַנוצט ,רעם מענטש צו צוימען
דער ביליקסטער פון אלע צוימען.

כאָטש שטעכל־דראָט דערמאָנט אין לאַגערן און תפיסות
פאַראַנען מענטשן וואָס פאַרשטייען נישט ווי מיאוס ס׳איז
פאַר הויף דעם אייגענעם, פאַר אייגענעם רוים,
פון שטעכל־דראָט זיך מאַכן אַן אייגענעם צוים.
אויך גערטנער פאַראַן וואָס דעם נאַרטן אייגענעם, דעם בלומען־גאָרטן,
מיט שטעכל־דראָט זיי טוען אָנגורטן.
די בלומען וואָס קענען אַזוינס נישט פאַרשטיין
פון צער, עגמות־נפש — זיי זעלבסט־מאָרד באַגיין.

איך ווייס אַז מען טראַכט:
דאָס שטעכל־דראָט היט פון גניבות ביינאַכט.
איך ווייס אויך אַז דער וואָס איז מעריב ערבים
קאָן נישט באַהיטן אַ וועלט פון גנבים.
איך ווייס אַז די וועלט איז נישט פול מיט צדיקים אין קיטלען
דאָך — קעגן גניבה זוכט אַנדערע מיטלען.
איך ווייס אַז שטעכל־דראָט איז ביליק
דאָך — בעט איך אייך — באַנוצט עס נישט פרייוויליק!

אין שטאָט אַ מוזיי

אמסטערדאם שלאָפט.
קיין ליכט אין די פענצטער.
די הייזער און גאסן
צוזאמען מיט אַן אַ שיעור מענטשלעכע מוחות
איינגעהילט זענען אין פינצטערסטער פינצטער.
פארדעכטיק איז איצט יעדער שאָרך
און דער ריר יעדער מינדסטער.
נאָר נאַצי־פּאטרולן באַלויכטן זייער באַשטיוולטן טראָט
מיט זעלנערשע גרויסע לאמטערנען.
ווי אומיסטן, עס האָט אויך דער הימל באַשלאָסן
די נעכט נישט באַשטערנען.

נאָר דאָרט אויף דעם בוידעם
ווי'ם וווינט אַנאַ פראַנק
דאָרט שלאָפט איצט נישט קיינער,
די נאכט הייבט דאָרט אָן אינדערפרי
ווען ס'קרייען זיך אוים אַלע הענער.
ביינאכט ערשט מען קאָן זיך דאָרט אָנהייבן רירן,
פאָרזיכטיק ריידן אַ וואָרט,
נישטערן בלעטער, פּאַפּירן.
בייטאָג מען רעדט אויף סמנים,
מען ווינקט, מען מאכט מיט די הענט,
מען לייענט וואָס עס לאָזט זיך נאָר לייענען,
דאָס רוב צייט — מען קוקט אויף די נאַקעטע ווענט.

היינט האָט אַנאַ באַשלאָסן
די ווענט פון איר צימער באַצירן
מיט בילדער פון אַלטע זשורנאַלן
פון אַלטע צייטונגס־פּאַפּירן.

א גאַנצן טאָג האָט זי דערבײַ געאַרבעט
אויסגעשניטן און סאָרטירט
איין בילד גרעסער — איין בילד קלענער
נישט אָנצוקלעפּן אויף די ווענט זיי סתם אַזוי
זי וויל די שטוב-מענטשן זאָלן דערקענען
די ווענט זענען באַצירט געוואָרן פון א פרוי.

אויבן — נאָענט צום סופית — זי קלעפּט אָן א בילד א גרויס
וואָס ווייזט א גרינעם וואַלד.
אין מיטן וואַלד — א הויז.
אין פענצטער פון דעם הויז — ווי א רויטער פלעק פון בלוט —
א רויז.
לעבן וואַלד זי קלעפּט א בילד וואָס ווייזט א פּאַפּוגײַ
א שטיפער.
דאָס בילד וואָס ווייזט א שטיקל פעלד מיט יאַגדעס און בלומען
דאָס קומט אביסל טיפער.
דאָס בילד פון אַנטאָקאָלסקים א סקולפּטור
פּאַסט זיך זייער גוט
אין אָט דעם ווינקל מיט דער טויטער נאַטור.
איצט פעלט איר, טראַכט זי, אביסל הומאָר
און קלעפּט אויף דאָס בילד: פיר אַפּן וואָס עסן דעם מיטאָג
און ס׳שטייט איין טשימפּאַנזיי און קוקט צו נאָר.

איצט קומען די בילדער פון קינסטלער
אַזוי — אָן א סדר — ווי אין לעבן זיך טרעפט:
סאַלי איילערס — רודי וואַלי — סאָניא העפּט.
ז׳האָט אפשר געזען זיי אין קינאָ —
אין וועלעכן פילם שוין פאַרגעסן —
אין רײ דאָ מיט זיי וועלן שטיין אויך
עליזאַבעט — מאַרגאַרעט
צוויי שיינע פּרינצעסן.
דאָס בילד פון „פערסט לאַוו" וואָס ווייזט דימאַ דאַרבין
דאַרף שטיין לעבן באַרימטן סטאַר גרעטאַ גאַרבאָ.

געבליבן נאָך פיר קינאָ-קינסטלער.
דער פרײלעכסטער — װי אָפּגערעדט
װעט זײַן דער לעצטער אין קװאַרטעט:
רײ מילאַנד — לילי בורמינסקי
גינגער ראָגערס — הײנץ רימאַן.
זי פילט װי איר האַנט און איר אױג װערן געניטער
זי טראַכט צום בעסטן פּלאַץ פֿאַר דרײַ קעפּ מיט שװערע געמיטער
דעם קאָפּ פֿון לעאָנאַרדאָ דאַ װינטשי
א קאָפּ פֿון מיכעל אַנדזשעלאָ
און רעמבראַנדס א באַקאַנטער אַלטער ייִד.
זי קלעפּט זײ אַלע אױס און טראַכט:
דער ייִד זעט אױס אַזױ װי איך
טרױעריק, אַלט און מיד.
אַנאַ פֿראַנק טוט א קוק צו דער באַצירטער װאַנט
און פֿרעגט דעם טאַטן מיט א ציטער קינדישן אַזאַ:
װאָס זאָגסטו, פּאַפּאַ?
זײ קוקן איצט בײדע און װאַרפֿן א שמײכל
צו זיך, צו דער װאַנט,
עס קומט אױך די מאַמע, די שװעסטער,
אַט זענען שױן אַלע באַװױנער פֿון בױדעם.
זײ קוקן צו דער װאַנט, אַנאַ פֿראַנק קוקט צו זײ
און טראַכט זיך: דאָס שטיבל זעט אױס איצט
װי אין שטאָט א מוזײ...
א מידע, זי לײגט זיך אַרײַן אין געלײגער.
פֿון דרױסן הערט זיך אַרײַן
װי ס'שפּאַלט די שטאָט-שטילקײט דער שטאָטישער זײגער.
אין האַרץ און אין קאָפּ די געדאַנקען
אַלץ בױערן, נאָגן און פֿרעסן.
עס רוקן זיך שװער די מעת-לעת'ן,
אַט זענען חדשים שױן װײַפּל פֿאַרלאָפֿן,
צום סוף פֿון מלחמה צי מעג מען שױן האָפֿן?
און װער װעט דעם סוף פֿון מלחמה דערלעבן?
װעט מען דעם טאַטן, װאָס ער האָט געהאַט, אײַנגאַנצן אָפּגעבן?

און נאָך דער מלחמה — פאַר גוטס און פאַר שלעכטס —
ווער וועט באַלוינען? ווער וועט באַשטראָפן?
עס רייסט פון מחשבה זיך איבער דער פאָדעם
דאָס קינד — אַנאַ פראַנק — ווערט אַנטשלאָפן.

אין דרויסן עס שלאָגט זיך די נאַכט מיטן בלאָען באַגינען
די טרעפּלעכסטע צייט פאַר אַ חלום זיך שפּינען...

אַנאַ׳ז אין שלאָף אין הויף פון איר שול,
ס׳איז דער הויף פול מיט קינדער.
ס׳אַ יום־טוב אַ מין פון סוף יאָר,
צי סוף צייט,
אַ פאַרבן־שפּיל רוישט און מאַכט פריילעך,
נאָר איין וווּנדער:
די קינדער גאָר גרויס און די לערער גאָר קליין!
ווער האָט דאָ פאַרביטן די מאָסן?
די לערער, זיי ריידן — זיי קיינער פאַרשטייט
און דאָס ברענגט די קינדער פאַרדראָסן.
די לערער זיך שטעלן מיט די פיס אַרויף און מיט דעם קאָפּ אַראָפּ
דאָס מיינט אַז מען דאַרף די וועלט איבערקערן.
די קינדער שוין לאַכן און פרעגן פאַרוואָס,
נאָר ס׳קומט ניט קיין ענטפער — ער ליגט אונטער שלאָס.
ווי קאָן אַ מענטש טרעטן בייטאָג אויף דער זון,
ביינאַכט ווי קאָן ער צעטרעטן די שטערן?
די לערער, זיי מאַכן אַלץ קונצן און מאַכן נאָך צו מיט די הענט,
און ווילן דערקלערן דעם מיין וואָס זיי מיינען,
זיי שטראָשען די קינדער מיט שרעקלעכע שמיץ
און דראָען זיי אויך מיט פאַרשטיינען.
די קינדער, אין אַנגסטן, זיך גיבן די הענט
און ווילן זיך אַלע צעלויפן,
נאָר אַנאַ פאַרהאַלט זיי און שיט פאַר זיי אויס
פּעקלעך מיט זיסוואַרג אַ הויפן.

דער הויף ווערט פארוואנדלט אין א צירק-שפּיל-ארענע
מיט בענק רונד ארום, געבויטע ווי אויף טרעפּ,
די קינדער פון אויבן זיי קוקן אראָפּ אין ארענע
און זעען דאָרט מענטשן מיט חיהשע קעפּ.
טיגערס און לייבן און וועלף
שטשורען די ציין ווי די זעגן
און אנדערע מענטשן — מיט מענטשישע קעפּ —
בויען אוים גראטעס ארום
און פארשטעלן די חיות די וועגן.

עס נעמט נישט קיין סך און ס׳באווייזט זיך א גרייז —
א צעפּלאָכטענע באָרד א גאנץ ווייסע —
ער ווארפט אום די גראטעס, די חיות פארשווינדן,
ער בלייבט איינער אליין,
אין פארביקע וואָלקן ווי אין א מעשה.
אנא דערקענט אים — ער איז צו דער רעכטער צייט געקומען
נאָר ווי געווינטשן —
ס׳איז דער אלטער לעאָנארדאָ דא ווינטשי.
ער שמייכלט צו די קינדער,
ער רופט זיי צו לבנהדיקע פעלדזן
איינגעהילטע אין א בלאָען שלייער.
די קינדער רינגלען אים ארום,
נאָר פּלוצעם טוט זיך נאָר איין דריי ער
און כאפּט דעם אָנבליק נאָר פון רעמבראנדס ייד
וואָס ענלעך צום אמסטערדאמער חזן מאיר.
דער אלטער זינגט אוים פאר די קינדער
א חנוכה-ליד פון פארצייטן
ווען ס׳האָבן גיבורים באשלאָסן
דעם גורל פון פאָלק זייערן בייטן.
זייער טאט טוט פון לאנג, ווי באוווסט,
זייער פאָלק אסך כבוד פארשאפן.
מען דארף צו מאָל שענקען דאָס לעבן פון ברוסט
און נישט לעבן א לעבן ווי שקלאפן.

פארשווינדן דער ייד און פארשווינדן דא ווינטשי,
פארשווינדן די קינדער וואָס גלייבן און גאפן,
ס'איז פוסט די ארענע,
עס טאנצן ארום דאָ פיר אפן.
די אפן זיי שטעלן זיך אויף
מיט אפן-טריט שווערע און מידע
און בויען אליין פון זיך אוים
אן אור-אור-אור-אלט-נייע אפן-פיראמידע.
די פיראמידע ווערט פארשטיינערט
אָט איז זי אין איין קאָפּ נאָר פארוואנדלט.
מיכעל אנדזשעלאָ שטייט לעבן קאָפּ
און האקט אים מיט א דאָלעטע אין קאָפּ אריין
אז א שטיינערנער קאָפּ מוז פון א לעבעדיקן קאָפּ
פיל שענער זיין.
די קינדער קומען אלע צו גיין
און קוקן זיך צו
ווי עס באקומט לעבן א קאָפּ פון א שטיין.
דער סקולפּטאָר פילט אויף זיך די בליקן פון איעדן קינד,
פארשעמט זיך און פארשווינדט.

ווערן די קינדערלעך טרויריק
ווי ס'ווערן אין הארבסט די פארנאכטן.
בעטן זיך אלע ביי אנא'ן
א פריילעכע שפּיל זאָל פארטראכטן.
זאָגט אנא — וואָס געבליבן ווי פארדאגהט איז —
לאָמיר גיין אין וואלד אריין
קלויבן רויטע יאגעדעס.
הייבן קינדער אָן צו גיין
אויף סטעטשקעס גלייכע און קרומע
ביז צום וואלד, צו פוס פון בארג,
אלע אָנגעקומען.
ביימער רוישן, פייגל זינגען,
גרין די בלעטער, א ווינטעלע טוט בלאָזן,

יאגעדעס די קעפּלעך שטרעקן
מען זאָל זיי זען צווישן גראָזן,
קינדער קלויבן זיי און עסן.
צווישן קינדער זיך באַווייזן
מיידלעך צוויי — ווי צוויי פּרינצעסן.
ביידע טראָגן אויף די קעפּ
קוישן צוויי, פול מיט מאראנצן,
ביידע באָרוועסע, ווי׳ן סטעפּ,
הייבן אָן צו טאנצן.
ווארפן פון זיך שלייערן
אלערליי קאָלירן,
אין זיי די קינדער זיך פארשלייערן
און א טאנץ פארפירן.
טאנצן קינדער, ס׳טאנצט דער וואַלד,
איינע — אנא — ציטערט.
אין איר קינדהייט איז איר קאלט,
ס׳איז איר הארץ פארביטערט.
וואָס קאָן זי צוטראכטן נאָך
די קינדער צו דערפרייען
ווען זי זעט אויף יעדן בוים,
מיט ביקסן, זעלנער שטייען.
ווי דער טאנץ צעפלאקערט זיך
און ס׳דוכט זיך אז ס׳איז שפּעט
קומען אָן ארטיסטן פיר
געאָרעמט — איין קווארטעט
און איינער, א גאנץ פריילעכער,
א מינע גיט א מאך ער
און זאָגט צו אנא׳ן אז ער איז
פון פאך א פריילעך-מאכער.
די ארטיסטן בלאָנדזשען אום
אָן א היים, אָן עסן,
אפשר ווייסט אנא א שפּיל
צו שפּילן אין א פיעסע.

אנא זאָגט זי האָט פארטראכט
א שפּיל נישט פאר ארטיסטן
שפּילן דארף די גאנצע וועלט
ראָלן! אָן סטאטיסטן!

טראָג פאָר די שפּיל! זיך בעטן אלע
און אנא פראנק דערשיינט פאר זיי
אָנגעטאָן ווי רעמבראנדס כּלה:
די שפּיל וואָס כ'האָב פארטראכט
איז אזוי פּשוט
אז עס קאָן זי יעדער איינער שפּילן:

אויף דער וועלט — ווי אויף א בינע —
מענטשן זיך באגעגענען.
אָן זיך צו קענען
מען טוט זיך דערקענען.
ווען איינער זעט אין צווייטנס אויגן
בליקן טריבע
דערלאנגט ער אים א בינטל בלומען
מיט א שטראל פון ליבע.
און זיי האָבן זיך ליב איינער דעם אנדערן
און די גאנצע וועלט טוט זיי נאָך
און זינגט:
די ליבע שטאמט פון א מין זאנג
וואָס ווו נאָר מען פארזייעט אים
וואקסט ארוים געזאנג!

אויף דער וועלט — ווי אויף א בינע —
מענטשן זיך באגעגענען.
מענטש, איך וויל נישט וויסן ווער דו ביסט,
פון ווו דו קומסט,

איך ווים דו דארפסט מיך,
אזוי גוט ווי דו ווייסט אז איך דארף דיך.
לאָמיר זיך העלפן איינער דעם אנדערן!
און זיי העלפן זיך איינער דעם אנדערן
און די גאנצע וועלט טוט זיי נאָך
און זינגט:
מענטש דעם מענטשן דארף האָבן
דער מענטש מוז די שינאה באגראָבן
דער מענטש מוז זיך לערנען ביים מענטשן
צו לעבן ווי עס פאסט פאר א מענטשן.

אויף דער וועלט — ווי אויף א בינע —
מענטשן זיך באגעגענען.
מענטש, איך ווים דו גארסט נאָך פרייד און נאָך נחמה
איך ווים דו ווייסט וואָס פאר אן אומגליק ס'איז מלחמה.
דו ווייסט אז איך גאר אויך נאָך פרייד אין א רויקער היים
נאָך א ווירדיקער עלטער נאָך א לעבן פון מי
נאָך גשמיותדיקע זאָרגן — צו א גייסטיגן פלי.
לאָמיר זיך געבן דאָס וואָרט
לאָמיר זיך געבן די האנט
אז איינער קעגן צווייטן
וועט קיין מאָל אין לעבן
נישט אויפשטעלן קיין וואנט
און איינער דעם צווייטן וועט העלפן אויסשמידן
א מענטשלעכע מענטשן-וועלט ווו הערשן וועט פרידן.
און זיי העלפן זיך בויען דאָס וואָס זיי האָבן זיך געווינטשן
און עס טוען זיי נאָך פון גאנצער וועלט די מענטשן
און אלע זינגען:
לאָמיר אויסבויען דאָס וואָס מיר ווינטשן
א וועלט א מער מענטשלעכע לאָמיר אויסשמידן
און לעבן צוזאמען, פעלקער און שטאמען,
אין פרייד און אין פרידן
און בענטשן די ליבע פון מענטשן צו מענטשן

די קינדער און פעלקער מיט ליד לאָמיר בענטשן
ווייל קינדער און פעלקער
נישט מערער ווי מענטשן.

די ארטיסטן און די קינדער שרייען: בראוואָ!
שרייען: אנא א-נא! שרייען: בים! בים!
. . . .
די וואָר אין חלום טוט א בים...
אנא פראנק איז ווידער וואך
זי הערט דעם קלאנג פון דריבנע טויבן-טריט
וואָס טרעטן אויף דעם בוידעם-דאך
און הערט אריין פון גאס
דעם קלאנג פון שפּאן אין געגדזן-מארש
וואָס לאָזט אונטער די טריט נאָר האס.

וואָס ווייטער געשען איז
איז לאנג שוין באקאנט.
דער גורל פון אנא'ן
פאר וועלט איז א שאנד.
ס'שטייט נאָך דאָס הויז
אין דער שטאָט אמסטערדאם
עס קומען דאָרט מענטשן
פון יעטוועדן שטאם.

אין צימער פון אנא'ן
נאָך שוועבן די טרוימען.
דער טרוים פון איר ליבע
ביז היינט האָט קיין רוים ער.

עס לעבט דאָרט די וואנט
אין דעם צימער דעם קליינעם
וואָס אנא באצירט האָט
מיט בילדער מיט שיינע.

קינדער און יוגנט און קלוגע זקנים
קומען אין הויז און ווערן געוואָר
ווי מענטש קאָן מענטש בלייבן
אין אוממענטשלעכער וואָר.

זיי בלייבן דאָרט שטיין
ביי דער וואנט מיט די בילדער
פארטראכט און פארחלומט זיי קוקן צו זיי
פון וואנט אנא׳ם בליק — ווי א שטראל — פאלט אויף זיי
דאָס הויז איז געוואָרן
אין שטאָט א מוזיי.

שטום און טויב

יעדן פרימאָרגן
ווען זון קלאַפּט אין פענצטער
מיר זאָגן די בשורה
אויפסניי אַז אַרום זי איז,
עפן אויפסניי איך די ספרים און ביכער
מיט גרויסע און דריבנינקע אותיות
און לייען דאָרט און לייען
וואָס איז געוואָרן פון מענטשלעכע טרוימען
וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָר
און לייען אויך פון טרוימען
וואָס דאַרפן אין וואָר זיך פאַרוואַנדלען
און איך פיל אַ מין טעם וואָס דערמאַנט ווייניק אין ראָזשינקעס
און מערער אין מאַנדלען.

פאַרטראַכט איך זיך טיף
אין גאָר אַלטע פסוקים
אין לידער געטאָקטע פון נייערער צייט
ס'איז אַלץ אַזוי נאָענט מיר און אַלץ אַזוי ווייט.
די אותיות לויכטן
די שורות אויף פאַרמעט און בלעטער נאָך ברענען,
מיט פייער פון קללות מיט פייער פון לויב,
די שפּראַכן און איך, מיר טוען זיך דערקענען,
מיר האָבן אַמאָל דאָך גערעדט און געהערט זיך
און איצט
אויג אויף אויג מיר שטייען
און נאָר די זון וואָס קוקט אין שויב
זעט אונדז ווי מיר שטייען
שטום און טויב.

מען רעדט נישט מער די שפּראַכן דאָ
מען הערט נישט זייער קלאַנג
די ספרים פאַר זיך
און איך אין מײַן האַרצן פאַר זיך
מיר ברעגנען אויס אַ טויב־שטום־געזאַנג
וואָס האָט אַמאָל און ערשט נישט לאַנג
גערעדט, געבענטשט, געשאָלטן און געזונגען,
דערמאַנט ייִדישן צער, צומאָל אַ העלד וואָס האָט זיך אָנגענומען
פאַר ייִדן ווי אַ גבר,
די טאַט און אָפּפער פון די מכבייער,
די זינגענדיקע בריוו פון ליאַדעווער רעב זלמן שניאור,
די ליידן פון אנוסים
און מ'האָט געהערט אויף אַלע גאַסן:
עמך ישראל צריכין פּרנסה!

גערעדט האָבן דאָ ייִדן
מיט גרײַזן און קאָרעקט
באַקאַמעצט אונדז די טאַטעס
די מאַמעס מיט גרײַזאַטעס
נאָר ס'האָבן שפּראַכן ייִדישע
דאָ הייוונדיק געשמעקט.

ווער גערעדט ס'האָט שקציש
ווער מיט גרויס דרך ארץ
געהערט האָט מען אויף גאַסן
ישעיה, ביאַליק, פּרץ.
איצט שטיי איך אויג אויף אויג
מיט אַלטע ספרים און מיט גייע ביכער,
מיר קוקן אָן זיך און מיר טוען זיך דערקענען,
מיר האָבן דאָך אַמאָל געהערט און גערעדט אין די שפּראַכן
אַז עדות דאָ זענען די אותיות און שורות

וואָס אויף פּאַרמעט און אויף ביכער-בלעטער ברענען
מיט פייער פון קללות און מיט פייער פון לויב
און איך וואָס ברען מיט זיי צוזאַמען
שטום און טויב
און שרייב די שורות וואָס דערמאָנען אַמאָליקע יאָרן
נאָר מיט דער שפּראַך וואָס איך הער אין זיכרון.

א זשמעניע געזאנג

געלאָזט די מאמע לעבן טאטן
אויף אלטן בית-עולם פון שטאָט.
מיר קומען אהיים טויט-מידע, צעבראָכן,
די ווונד איז נאָך אָפן, דאָך רינט נישט קיין בלוט.

איר צימער עס שטייט ווי זי האָט עס געלאָזט
קיין זאך נישט גערירט, נישט די קלענצטע.
מיר קומען אריין און מיט אונדז פליט אריין
א פויגל דורך אָפענעם פענצטער.

א זוניקער פויגל — א זשמעניע געזאנג —
און קליין ווי די מאמע איז געווען.
ס-א גרוס פון דער מאמען,
צי טאקע די מאמע אליין?

אינהאלט

פליענדיקע אותיות	5
אלף-אן אָנהויב פון אמת	8
ברויט און ברכה	10
גוט און גערעכטיקייט	11
אין א דענקמאָל דער אָפענער טיר	12
הלל אויך	13
אין וועלט און אין שלום	14
א זין זיין זיין	15
חלום	16
פון וואָכעדיקע טעג יום-טוב	17
א יוד אז ער איז צו גרוים	18
רעיונות פון א סופר	19
די תפילה פון ווערטער	23
גאָלד און פייער	26
דער ווייס-בלאָער-הימל פארטונקלט זיין בלאָ	27
דריי פילאָסאָפן	30
שמעון דער טרעגער און דער קאפיטאן	38
געשטאָרבן דער באס	40
לאָמיר זיך אויפהערן דינגען	42
איך ווייס אז ס'איז ביליק	44
אין שטאָט א מוזיי	46
שטום און טויב	57
א זשמעניע געזאנג	60

לעקטאָר: שלום רובינגער
טעכנישער רעדאקטאָר: שטעפאַן לעפּאַיעוו

דערשינגען: 1984
פאָרמאַט: 16/61×86
פארלאַגס-בויגן: 1,96
דרוק-בויגן: 4

פּאָליגראַפישע אונטערנעמונג:
„13טער דעצעמבער 1918“
בוקארעשט — ס.ר. רומעניע

ISRAIL BERCOVICI

LITERE ZBURĂTOARE

— poezii —

EDITURA KRITERION
BUCUREŞTI, 1984